# א דמות

# א געשטאלט

פון: י.ז. הכהן

*שלהי דקייטא תשפ"ה*, די זומער-וואכן האבן שוין געקאנטשעט, אבער די זומער-היץ דרייט זיך נאך אונטער די פיס, כלל ישראל האט שוין געמאכט א בואי בשלום, און זיך צוריק איינקוואטירט און די דירות קבע, ביז דער יו"ט סוכות וועט קומען לטובה, און מ'וועט אריינגיין צוריק אין א דירת ארעי,

פאר די לעצטע פערטל יאר-הונדערט, ווילן מיר אין די באקאנטע קאנטרי/דארף/שטאט - איר קענט דאס באצייכענען ווי אזוי איר ווילט - **איחוד קאנטרי**, א גרעסער דארף, אויסגעשטאט מיט אלע רוחניות'דיגע געברויכן, א שוהל וואס פארשעמט אסאך גאנץ-יעריגע שוהלען, מנינים 20 שעה א מעת לעת, א היכל התורה מיט גענוג ספרים, שיעורי תורה, א מקוה מיט האנטוכער, געהעריגע בנינים פאר די תלמוד תורה, בקיצור א שטעטל וואס איז א מאדעל פאר אנדערע.

איינע פון די זייטיגע בענעפיטן וויילענדיג דא זומער, איז דאס זיין אין שכינות מיט גוטע אידן, וואס א גאנץ יאר לייגט מען נישט קיין סאך דגוש, יעדער לויפט זיך זיין וועג, אין די זומער וואכן איז דער מוח רואיג'ער, און כאפט אויף ענינים מיט א קלארקייט, אפלערנען און נאנט ווערן מיט עהרליכע אידן,

צום ערשטן וועלן מיר ערוועגען, פשעווארסקער דיין, ואב"ד קעסקעיד, הרה"ג רבי שמואל דוד סאקס שליט"א, (א זוהן פון דעם אומפארגעסליכן זקן רבי יוסף סאקס ז"ל, אויך געווען א תושב) וואס א גאנץ יאר סערווירט ער זיין שכונה אין מערב-וויליאמסבורג, נוהג עדותו מיט א שטארקייט און איבערגעגעבנקייט, זומער וואכן האבן מיר די זכי' אים צו באטראכן פון דער נאנט, שייף עייל מיט א התבטלות פאר יעדן יונגערמאן, נעמט אויף מיט א שמייכל יעדן איד, און אלץ גרייט צו ענטפערן לשואליו, ער יאגט זיך נישט דעמאלס, מאכט זיכער דער פרעגער גייט ארויס צופרידן, און אפי' מען כאפט אים אינעם קארידאר אדער אויף די טעראסע, וועט ער זיך אלץ אפשטעלן און געבן דעם געפיהל אז ער האט איצט די וועלט'ס צייט פארן שואל,

זיין פארלערנען יעדע נאכט איז געוואלדיג באַיטעמ'ט, זיינע צוהערערס קומען צוריק יאר נאך יאר, מען זעהט פון זיינע שיעורים א גאונות עצומה, יראת שמים חופף עליו, און פיהרט זיך מיט ענווה און פשטות, ווי גלייך ער איז אייניג מיט יעדן, דער דיין איז א דמות פאר יעדע תושב און אורח, א געשטאלט פון וועם מ'קען זיך לערנען, זיין אנוועזענהייט איז א געוואלדיגע כבוד פאר אונז, און גיט א געלעגנהייט פאר טאטעס צו ווייזן די קינדער: ***קוקט(ס אז מ)לערנט פלייסיג וואקסט מען אויס***,

**תפלתינו**, השי"ת זאל שיקן פארן חשוב'ן דיין, געזונט און כח אנצוגיין מיט זיין הרבצת התורה און עבודת השם,

***

עס איז אומעגליך נישט צו באמערקן א חשוב'ן בנן של קדושים, הרב ר' ארי' לייבוש רובין שליט"א, מ'טשעטשנעוו, וואס איז שוין א תושב ביי אונז פאר איבער 10 יאר, רבי לייבוש מיט זיין גרויסע און מלכות'דיגע משפחה, וואס גייען מיט דעם פולען רבנייש׳ע לבוש, ערגענצט דעם שיינעם בילד פון אונזער קריי', ס'קען זיך דאכטן אז מען איז איצט אין א רבנייש׳ע קור-ארט, ווי א שטייגער קרעניץ פאר די קריג,

שבת ווען מען זעהט אין ביהמ"ד, אזויפיהל ברייטע און געפלאכטענע עטרות, זיידענע בעקיטשעס מיט סטראקעס, דאס גיט צו א כבוד און פראכט אינעם מקום קדוש, ס'איז איינע פון די בעסטע אינוועסטמענט'ס וואס די קאנטרי האט געקענט מאכן מיטן אהער ברענגען די חשוב'ע רובין משפחה.

***

***עד כאן*** איז נאר א הקדמה, דער ציהל און דער התעוררת צו שרייבן דעם מאמר, איז צו באשרייבן א חשוב'ער אדמו"ר, וואס ווילט דא זומער, פאר די לעצטע דריי יאר ב"ה, האדמו"ר מ'מעליץ שליט"א, כאטש מיר הערן אז ס'איז אינגאנצען נישט לרוחו צו ווערן באשריבן, ער ווערט אפי' ברוגז ווען מ'בעט אים א שמועס כדי צו שרייבן, א בילד: מאן דכר שמי', דאן קען ער ארויסגיין פון זיינע גדרים און זייער שארף זאגן, ווי ס'האט שוין פאסירט ווען ער האט געזעהן עפעס א צוצאק פון א פאטאגראפער האט געכאפט בילדער פון אים ביי א שמחה, און ער האט אים געזאגט, וועסט זעהן ס'וועט גארנישט בלייבן דערפון, וכך הווה, דער גאנצער פילם האט זיך פארברענט, (פון: א אייניקל), אבער פטור בלא כלום אי אפשר, ווען מען זעהט **א דמות** פון אמאל, **א געשטאלט** פון א חסידישער איד, קאן מען נישט בלייבן שטיל, און נאר ארויסברענגען מחשבות און געפיהלען, מיט א איינגעהאלטענקייט,

עס איז באקאנט דער ניגון, ***מען דארף באהאלטן- א ספאדיק אן אלטן***, ווי דער ניגון ברענגט ארויס די ירידת הדורות , אז וואס א יאר שפעטער טוישט זיך דער מציאות, און דער חסידישער איד פון היינט, איז א מרחק ממזרח למערב, צו א חסידישער איד פון הונדערט יאר צוריק, במילא דארף מען אוועקלייגן ארטיקלען פון אמאל, וואס זאל געבן א קלארקייט וויאזוי א חסידישער איד האט טאקע אויסגעקוקט,

**א דמות, א געשטאלט**- ווען מען באטראכט דעם מעליצער רבי שליט"א, זיינע איידעלע שטריכן פון ענוה און יראה, זיין גיין אין ביהמ"ד, שבת צו אינדערוואכן, מיט די פולע טראגע, און גאנצער חסידישקייט, ס'מאכט נישט אויס דער וועטער, הייס, אדער גאר הייס, אלץ אנגעטוהן מיט די רעשוואלקע, און די חלוקא דרבנן, מען קען נישט זעהן דעם רבי'ן אן א הוט, אינעווייניג צו אינדרויסען, קיינמאל!! זיין גיין אין ביהמ"ד מיט א יראה און מתינות, לערנט אלס מיטן הוט און אלע מלבושים מיט א התמדה און יראה טהורה.

**אגב**: אויפן וועג גייענדיג אדער אהיים פון שוהל, איז די איינציגע צייט וואס מ'קען פרעגן און הערן שיינע סיפורים, היסטארישע פאקטן, אלץ גרייט צו פארציילן פאר יעדן וואס קומט צו באגלייטן, מיט א געוואלדיגע נעימות קען מען הערן ווי ער לייגט אראפ דאס לעבן אינדערהיים, פון זיין היימשטאט ליזענסק, דער רבי וועט פונקטליך אראפמאלן די שטאט, ווי יעדע ביהמ"ד איז געשטאנען, ווי דער רב אדער יענער בנש"ק האט געוואוינט, וכו' וכו',

3:30 פארטאגס שפאנט שוין דער רבי צום ביהמ"ד, און לערנט ביז ותיקין, 7:00 בערך איז ער שוין אויפן וועג אהיים, און זעצט זיך לערנען ביז מנחה, מיט קליינע הפסקות פאר זיינע קורצע סעודות, צווישן מנחה און מעריב אן עקסטערע שיעור, אויפן לעצטן באנק אין ביהמ"ד, א יושב בישיבה שוין 70-80 יאר און טרעפט נאך אלץ וואס צו לערנען, א מוסר השכל,

**לימוד התורה בקדושה וטהרה**, דער מעליצער רבי זעצט זיך לערנען בדחולי ורחומי', מיט א הוט און בעקישע, ארומגעבונדען מיט א גארטל, פארן לערנען זאגט ער די תפילת השב פון רבינו יונה, און הייבט אן תיכף לערנען בלי הפסק - אפי' נישט קיין קאווע בשעת הלימוד - וואס קאן זיך פארציהען 4-5 שעה רצופות,

א שלחן ערוך אין א קומת אדם, זיין אריינגיין אין ביהמ"ד, זיין אכט געבן נישט אריינצוגיין אין א שטיבל ווי איינער דאווענט נאך, זיין קביעת מקום בשעת התפילה, זיין עניית אמן, נישטא אזא זאך ווי שמועסן אין בנין הביהמ"ד, יעדע ריר איז א הלכה, און א תורה שלימה.

דער ציבור דא אויף די בערג, האבן געהאט די זכי' צו הערן ראש חודש בענטשן, ובפרט מברכים אלול, ווי דער אמת'דיגער קרעכטץ האט צוגעאיילט ביים עולם, די הכנות צו די הייליגע טעג, במיוחד די דברי תורה ביי שלש סעודות, (וואס ווערט געפראוועט אויף א פריוואטען פארנעם, ווי מ'דארף קומען פרי זיך צו קענען אריינקוועטשן און מיטהאלטן,) דער רעוא דרעוון ווערט געפראוועט מיט א קדושה און יראה, די זמירות, די מקורות'דיגע ניגונים, אלעס אויף א העכערע פארנעם, אנגעהויבן פון נטילת ידים, מיט

פיהלע הידורים, ברכת המזון - די פירושי המילות ווערט כמעט ווי ארויסגעזאגט, דער רבי עפנט נישט די אויגן פון ווען ער קומט אריין ביז וואונטשען א גוטע וואך, הערשט דאן באטראכט ער דעם ציבור הבא לקבל ברכתו,

שלי״ס שבת מברכין אלול, איז שוין די דברי תורה געזאגט געווארן מיט א רוף צו תשובה, און מסיים געווען מיט ״א געזונטען אלול״ און דערנאך געוואונטשן ווארעמע ברכות צום נייעם יאר, א אינטערעסאנטע זאך באמערקט, פאר מעריב - ר״ח, האט דער רבי אויפגעזוכט דעם צירוף החודש פון מוסף, לכאורה אינזין צו האבן בשעת מעריב,

***

נסיים מעין הנושא, דער זומער קען זיין, נישט נאר א מנוחה בגשמיות, קאן אויך זיין, א התעלות ברוחניות,